Hebr. Eq 814
Rapoport

№ 50

פערלאג „די וועלט", ווילנא.

שמואל

ס. אנ־סקי.

# דער פאטער און זוהן.

(דראמא)

פרייז 25 קאפ.

דרוקעריי פון וויטווע עט. געב. ראם.
1906.

# קאטאלאג

## פון ביכער־פערלאג

## „די וועלט“, ווילנא

| | קאפ | סענט | פעני | פפעניג | סאנטים |
|---|---|---|---|---|---|
| 1) עדוארד בעלאמי. איבער הונדערט יאהר ....... | 25 | 20 | 12 | 10[illegible] | 125 |
| 2) דוד פינסקי. יום כפור; ה. נאמבערג. מען וועקט | 2 | 2 | 1 | 8 | 10 |
| 3) *.* ערצעהלונגען פון דער ערשטער פראנצויזישער רעוואלוציע......... | 6 | 6 | 3 | 24 | 30 |
| 4) לעווין. אין א פינסטערע נאכט .............. | 2 | 2 | 1 | 8 | 10 |
| 5) *.* דער קליינבירגערליכער סאציאליזם......... | 4 | 4 | 2 | 16 | 20 |
| 6) דוד פינסקי. פאמיליע צבי.............. | 12 | 12 | 6 | 48 | 60 |
| 7) יושקעוויטש. וועגען וואהל-רעכט.............. | 7 | 7 | 3½ | 28 | 35 |
| 8) ק. קאוטסקי. ערפורטער פראגראם. אין 6 העפטען, יעדעס העפט 5 קאפ. דאס גאנצע ביך | 30 | 30 | 15 | 120 | 150 |
| 9) שיפעל. די עקאנאמישע איבערקעהרעניש און די סאציאל-דעמאקראטיע .... | 5 | 5 | 2½ | 20 | 25 |
| 10) פאל עזי. צדקה ................. | 2 | 2 | 1 | 8 | 10 |
| 11) פאל לאפארג. די רעליגיאן פון קאפיטאל ........ | 10 | 7 | 5 | 40 | 50 |
| 12) ק. קאוטסקי. קאנסום-פעראיינען.............. | 6 | 6 | 3 | 24 | 30 |
| 13) פ. לאסאל. מאכט און רעכט, (עיקר פון קאנסטיטוציע) | 6 | 5 | 3 | 24 | 30 |
| 14) די ארבייטער און די געזעלשאפטליכע קלאסען (ארבייטער פראגראם)........ | 8 | 6 | 4 | 32 | 40 |
| 15) ק. קאוטסקי. פרידריך ענגעלס, (ביאגראפיע)......... | 10 | 7 | 5 | 40 | 50 |
| 16) *.* די מעשה פון פיעד ברידער.............. | 10 | 8 | 5 | 40 | 50 |
| 17) דוד פינסקי. היינטיגע יונגע לייט ............. | 1 | 1 | ½ | 4 | 5 |
| 18) ק. קאוטסקי. די סאציאלע איבערקעהרעניש......... | 15 | 10 | 7½ | 60 | 7[illegible] |
| 19) ארנו. די קרבנות פון דער קאמונע.............. | 3 | 2 | 1½ | 12 | 15 |
| 20) *.* צו דער געשיכטע פון דער בעלגישער ארבייטער בעוועגונג | 10 | 8 | 5 | 40 | 50 |
| 21) פרץ הירשביין. וויטע און נאהענטע בילדער, 4 אקטע | 12 | 10 | 6 | 48 | 60 |
| 22) נעמאנסקי. די פאריזער קאמונע ............... | 30 | 20 | 15 | 120 | 150 |

פערלאג „די וועלט".

ס. אנ־סקי.

# דער פאטער און זוהן.

(דראמא).

ווילנא.

דרוקעריי פון וויטווע און געברידער ראם.

1906

С. Ан-скаго.
Отецъ и сынъ.

Типографія «Вдова и братья Роммъ», Вильна,
уголъ Духовскаго и Глухого пер. соб. домъ № 1/2.
1906

## ערשטע סצענע:

(ביי ר׳ משה׳ן אין שטוב. א אידיש בעצירטער זאל. רעכטס א טיר אין חיים׳ס חדר, אין מיטען א טיר צום קיך אין גאס.

ביים טיש זיצען ר׳ משה און דבורה און טרינקען טהיי פון א הליאק).

ר׳ משה. דבורה.

ר׳ משה. — ווען האט מען איהם צוגענומען?..

דבורה (מיט א זיפץ). — מארגען וועט ווערען צוויי וואכען... וואלסט נאר זעהען, וואס עס האט זיך אבגעטהאן! (שטילער) ז׳ווינען געקומען אין מיטען נאכט, האבען אויפגעוועקט די גאנצע שטוב און האבען אנגעהייבען זוכען. פיער שעה אויפ׳ן זייגער האבען זיי געזוכט, האבען איבערגעקעהרט די שטוב קאפויער! וואו האבען זיי ניט געזוכט. אין סקלעפ, אויפ׳ן בוידים, אין קוימען, אין די בעטען, אין וויגעלע ביי יחנה׳ס מיידעל — אומעדום.

ר׳ משה. — האבען זיי עפעס געפונען?

דבורה. — אט ווייסט דו? — אזוי ווייס איך. זיי האבען צוגענומען אלץ וואס זיי האבען געפונען אין שטוב. אלע זיינע ביכער, אלע פאפירען. האבען אפילו צוגענומען מיין קרבן-מנחה...

ר׳ משה. — האסטו עפעס געפרואווט טהאן? ביסטו ערגעץ געוועזען?

דבורה. — וואו וועל איך זיין? וואס קען איך טהאן? מיין נחום איז אומגעלאפען, אומגעגאנגען. ער האט בעקאנטע פריצים... ווייס איך. זיי האבען איהם געזאגט, אז ס׳איז ניטא וואס צו שרעקען זיך, אז מען וועט איהם באלד ארויסלאזען. און

אִין שטאָט זאָגט מֶען, אַז מֶען וועט אִיהם פאַרשִיקֶען אִין סִיבִּיר... (פּאַוזֶע) ווִי פִיעל אִיךְ האָבּ מִיט אִיהם גערֶעדט, ווִי פִיעל אִיךְ האָבּ מִיט אִיהם גע׳טענה׳ט, ווִי פִיעל אִיךְ האָבּ זִיךְ בַּיי אִיהם געבֶּעטֶען: „זלמן־קֶע, מַיין זוּהן, האָבּ רחמנות, פִיהר זִיךְ נִיט אוּם מִיט דער חברה, מִישׁ זִיךְ נִיט אִין דִי זאַכֶען, דאָס וועט דִיךְ צוּ גוּטס נִיט בּרֵיינגען“... אִיז הערט מִיךְ דִי וואַנט — אַזוֹי האָט ער מִיךְ געהערט! (עֶס גֵייהט אַריין גנענדל מִיט אַ הליאַק)..

---

## צווייטע סצענע:

גנענדל. משה. דבורה.

גנענדל (שטעלט דעם הליאַק אויפ׳ן טִישׁ). — לעבּלִיכֶע וואַסער! זוֹיערֶער טהֵיי! שבּת׳דִיגֶער טהֵיי!... אִיהר ט׳אפשר עפּעס נעהמֶען אִין מויל, דבורִינקע? אַ קִיכעל, אַ שטִיקֶעל צִימעס־פלֵייש..

דבורה. — אַ דאַנק דִיר, גנענדעלע, אִיךְ בִּין זאַט..

גנענדל. — אִיךְ וואָלט ווִיסֶען, אַז אִיהר וועט קוּמֶען צוּ פאָהרֶען — וואָלט אִיךְ מאַכֶען אַ זִיסֶען קוּגעל... אִיהר געדענקט אוֹיף שבוּעות דעם קִיגעל וואָס אִיךְ האָבּ געמאַכט? אַרוּמצוּלעקֶען דִי פִינגער, וואָס נִיט?... (גִיסט אָן טהֵיי) פאַר וואָס האָט גאָט נִיט געמאַכט, אַז אַלע טאָג זאָל זַיין שבת — וואָלט מען אַלע טאָג עסֶען קִיגעל! (לאַכט).

דבורה (צוּ משה׳ן). — אִיךְ ווֶעל דִיר זאָגֶען דעם אמת. אפילוּ אַ זהן, אפילוּ אַ קדיש — נאָר ער פערדרִיסט שוֹין מִיךְ אַ בּרעקעל נִיט. דער הוּנד אִיז ווערטה דעם שטעקען... (מִיט אַ ווֵיינענדִיגען קוֹל) נאָר אוֹיף מַיין חנק׳ן נעבּעךְ אִיז אַ בִּיטערער צַער..

ר׳ משה. — וואָסִי? וואָס אִיז מִיט אִיהר?

דבורה. — ווִי הֵייסט וואָס אִיז מִיט־אִיהר? אִיךְ האָבּ דאָךְ דִיר געשרִיבּען, אַז אִיךְ האָבּ מִיט אִיהר געטהאָן אַ שידוךְ. אַ שידוךְ, זאָג אִיךְ דִיר — אַ גלִיק. דער חתן פוּן דער שענסטער משפחה, אַ וואוּיל לערנער אוּן 600 רוּבּל נדן.. שבת נחמוּ דאַרף זַיין חתונה...

ר׳ מ ש ה . — נוּ אִיז וואָס ?

ד ב ו ר ה . — וואָס זאָל זײַן . אִיצטעֶר האָבּ אִיךְ מורא, אַז זײ ווע֗לען אָבּשִׁיקען דִי תנאִים . אַ קלײנִיגקײַט ! אַז זײ ווע֗לען דערוויסען, אַז מען האָט צ׳גענומען מײַן זלמן׳ען . וואָס... דער יחוּס, דער בּוּש, אַ זוהן אִין אָסטראָג... אִיךְ זאָג דִיר, אִיךְ צִיטער. אַז זײ ווע֗לען אָבּשִׁיקען דִי תנאִים .

ר׳ מ ש ה . — אַ ! צִיטער נִיט . אַז זײ ווע֗לען אפילוּ דערוויסען, ווע֗לען זײ דִי תנאִים נִיט אָבּשִׁיקען... הײַנטִיגע יאָהרען האָט מען זִיךְ אויפגעהערט צוּ שרעקען פאַר דִי זאַכען . אָסטראָג אִיז שוין אִיצטער בּרוּךְ השם קײן בּזיון נִיט...

ג נ ע נ ד ל . — אָסטראָג ! דעם קײסער׳ס מוֹיעריל מִיט דִי געלע ווענטעלעךְ, יונים מִיט דִי בִּיקסעלעךְ !...

ר׳ מ ש ה . — הײַנטִיגע יאָהרען, זאָג אִיךְ דִיר, אִיז דאָס שײם גאָר קײן בּזיון נִיט.. בּײַ אוּנז אִין שטאָט ווע֗סטוּ נִיט געפִינען קײן אײן בּעל־הבית, בּײַ וועמען אִימעצער זאָל נִיט זִיצען אִין אָסטראָג . אַ זוהן, אַ טאָכטער, אַ שנור אַנ׳אײדִים ..

ד ב ו ר ה (מִיט אַ זִיפץ) . — בּײַ אוּנז אִין ווִיטעבּסק אִיז אויךְ דִי זעלבִּיגע פּלאָג ! וואָס דאַרפסטוּ מעהר ?... מִיט צוויי חדשים צוּרִיק האָט מען צוּגענומען און פאַרזעצט... מײנסטוּ וועמען (בּײגט זִיךְ צוּ צוּ אִיהם, שטִילער) ר ב ש מ וּ א ל ק ע ס אַ׳ן אײנִיקעל ! אַ כלה אַ מויד פוּן 19 יאָהר ! !

ר׳ מ ש ה . — נוּ , זעסטוּ ?

ג נ ע נ ד ל . — ד ב ו ר ה׳לע ! אפשר ווע֗ט אִיהר אִיבּערכאַפּען אַ שטִיקעל דאַרע קִישקע אָדער אַ בּלִינצִיקל . ס׳אִי פראַן !

ד ב ו ר ה . — אַ דאַנק , ג נ ע נ ד ל , אִיךְ בִּין זאַט (ג נ ע נ ד ל געהט אַרוֹים) ,

---

## דְרִיטֶע סְצֶענֶע.

מ ש ה . ד ב ו ר ה .

ד ב ו ר ה . — וואָס ווע֗ט זײַן דערפוּן! וואָס ווע֗ט זײַן דערפוּן! אִיךְ זאָג דִיר , מ ש ה , נִיט־אַנדערש, אַז ס׳אִיז מִשִׁיח׳ס צײַטען , נִיט אַנדערש . וואָלסט זעהען וואָס בּאַ אוּנז אִין שטאָט טהוּט

זיך! איך זאָג דיר, עס רודערט ווי אין אַ קעסעל! עס געהט ניט דורך אַ וואָך, עס זאָל ניט זיין עפּעס אַ מהומה.. וואָלסט נאָר זעהען: מען לויפט אום איבער די גאַסען מיט אַ פאָהנע, מען זינגט, מען שרייט, יונים לויפען נאָך... אַ גוואַלד, אַ גוואַלד!

ר׳ משה. — בּאַ אונז איז אויך די זעלביגע חתונה. מען לויפט אום איבער די גאַסען, מען פּילדערט, מען שרייט! (ג״ה ט אום איבער׳ן זאַל) בּערֶכענען זיך! די העזה! אומלויפען אין מיטען העלען טאָג איבער די גאַסען און שרייען הויך אויפ׳ן קול אַז מי וויל ניט דעם קיסר! וואו איז דאָס געהערט געוואָרען! דער מח הויבּט זיך, אַז מען גיט אַ קלער.

דבורה. — משיח־צייטען! איך זאָג דיר, משה, ס׳איז משיח׳ס צייטען.

ר׳ משה. — און גלאַט גערעדט: וואו? וואָס? ווער? ווענען? וואָס וועלען זיי אויספיהרען מיט דעם אומלויפען? וואָס וועלען זיי דערמיט מאַכען. היינט אומגעלאָפען איבער די גאַסען, מאָרגען אומגעלאָפען איבער די גאַסען, היינט געשלאָגען מכות רצח, מאָרגען געשלאָגען, צוכאַפּט, צוממיתט, פערזעצט...

דבורה. — האָבּ רחמנות, זאָג מיר, פאַרטייטש מיר, וואָס ווילען זיי?

ר׳ משה (טראַכט אַ ווייַלע). — וואָס ווילען זיי? זיי ווילען אַ קלייניגקייט. זיי ווילען, עס זאָל ניט זיין קיין רייכע און קיין אָרעמע, אָט וואָס זיי ווילען... (אַ ביטערער שמייכעל) קיין רייכע און קיין אָרעמע! ווער וויל דאָס ניט. איך וואָלט אויך וועלען, אַז אַלע זאָלען לעבען ווי מענשען. און דעם קיסר, דעם אמת זאָגענדיג, בין איך אויך ניט קיין איבעריגער גוטער פריינד... נאָר וואָס וועלען זיי אויספיהרען? (ס׳געהט אריין גיטעל).

---

## פיערטע סצענע:

גיטעל. ר׳ משה. דבורה.

גיטעל (געהיילט). — גוט שבת טאַטע! גוט שבת מומינקע! אַ גאַסט! ווען זייט איהר געקימען? (קושען זיך).

דבורה. — נעכטין, צו רעכטע לכט בענשין. נו, יואָס מאַכסטו גיטעלע? וואָס מאַכט דיין ברוך, די קינדערלעך?

גיטעל. — געזונד, דאנקען גאָט! מיין ברוך איז ניטאָ אין דער היים.

דבורה. — וואו איז ער.

גיטעל (מיט שטאָלץ). — אין באזעל. אויפ'ן קאָנגרעס.

דבורה. — וואו?

ר' משה. — אין אויסלאנד.. וועגען ארץ ישראל... ציוניסטען, האָסט מסתמא געהערט?

דבורה. — געהערט, געהערט, ווי דען! מיין חנקע, זאָל געזונד זיין, האָט מיר רעם מוח פארדולט וועגען דעם... וועגען ארץ ישראל...

גיטעל (מיט פרייד). — אייער חנקע איז אויך א ציוניסטין? בראוואָ! מאלאָדיעץ! איך וועל שרייבען מיין ברוך'ן.

דבורה. — דער חתן איהרער האָט איהר אָנגעשריבען א בריעף, האָט זי צוגערעדט, ווייס איך, באָלבעט זי... איצט גייט זי עפּעס אוים, א פאָהנע, עפּעס א מין פרוכת...

גיטעל. — און אייער זלמן?

דבורה (גיט א מאך מיט'ן האנד) וועגען זלמן'ען ניט פרעג.

גיטעל. — וואָסי? וואָס?

ר' משה. — מען האָט איהם צוגענומען... היינטיגע צרות... געקראָבען...

גיטעל. — א! א! א! איך וועל זאָגען ווי מיין ברוך זאָגט, ס'איז א שרעק! וואָס, ווען? וואָס דארפען זיך אידען מישען אין דעם?

דבורה. — משיח=צייטען!

גיטעל. — אויף אייער זלמן'ען וואָלט איך דאָס קיין מאָל ניט געקלערט! איך וועל זאָגען ווי מיין ברוך זאָגט, מסתמא האָט איהם די חברה מיט גוואלד אריינגעשלעפט! א שרעק! א שרעק! (עס גיהט ארויס היים).

## פִינְפְטָע סְצֶענֶע.

די פֿאָריגע, חיים.

חיים (מיט אַ שמייכעל). — פון וואָס נעהמט דיך אָן אַזאַ שרעק.

גיטעל (מיט כעס). — אַז דו ביזט ניט קיין שרעקעדיגער איז דיר גוט! געה טאַנץ מיט זיי!

חיים. — מיט וועמען?

גיטעל. מיט חברה פּאַץ! מיט די דעמאָקראַטען!

חיים. — טאַנצען איז טאַנצען! פאַרוואָס ניט טאַנצען אַז ס'איז פרעהליך אויפ'ן הארצען. (לאַכט).

גיטעל. — לאַך! לאַך! וועסט זיך דערלאַכען. איך וועל זאָגען ווי הערצל זאָגט, פון אייך קומען אַלע צרות אויף אידען.

חיים. — איך וועל אויך זאָגען ווי הערצ'ל זאָגט: פון אייך קומט אַל דאָס גוטס אויף אידען.

גיטעל. — אפשר ניט?

חיים. — אַנו, וויַז מיר די טובות וואָס איהר האָט געמהאָן אידען?

גיטעל. — וואָס אַרט דיך, גענוג געטהאָן! און אַז ניט די חברה, וואָלטען אידען שוין אפשר אויסגעלייזט געוואָרען פון גלות...

ר' משה. — אָבער גענוג וועט אייך שוין זיין! ווי ווערט אייך ניט מיאוס! ווי זיי קומען זיך צונויף הייבען זיי זיך אָן רייסען!...(צו דבורה'ן) איבערהויפּט זי (ער ווייזט אויף גיטלען) זייט זי אָן דרייען אַ מוח מיט איהר ארץ ישראל געהט אונטער חלשות.

דבורה. — און דו? דו האַלטסט ניט דערפון?

ר' משה. — איך בין נאָך אַ דאַנק גאָט ביי מיין זינען.

גיטעל. — זאָרג ניט, טאַטע, ניט אַלע ציוניסטען זיינען משוגעים.

חיים. — פרעגן צווישען זיי אי פראָסטע נאַרען...

גיטעל. — קלוגער פאר דיינע דעמאָקראַטען! שעהנערע מענשען.

חיים (איראָניש). —ניט קיין שוסטער און ניט קיין שניידער?

גיטעל. — ניט קיין צולאָזענע יונגען!

ר׳ משה. — איך וועל צווישען אייך מאכען א פשרה: אי דו, אי דו — איהר זייט ביידע משוגע.

חיים (ערנסט) — הער, טאטע, וואס איך וועל ביי דיר פרעגען. זאג מיר דעם ריכטיגען אמת, ווי רעכענסטו? זיינען די דעמאקראטען אין גאנצען אומגערעכט? זאג!

ר׳ משה (קוקט אויף איהם אומעדיג). — איך וועל דיר זאגען דעם אמת, חיים, איך האב גערעכענט, אז דו ביסט קליגער.

חיים. — דאס איז איין אנדער זאך. אבער ענטפער מיר וואס איך פרעג ביי דיר. האלטסט דו, אז זיי זיינען אומגערעכט?

ר׳ משה. — ווער זיי? חנה ציר ל דער גבא׳טעם מיידעל? העסל דעם שוסטערס אינגעל אדער מנחם דעם קיימענרייבערס פועל?

חיים. — און אז אפילו זיי?... איך פרעג ביי דיר, זיינען זיי אומגערעכט?

ר׳ משה. — ווער זאגט דיר אז זיי זיינען אומגערעכט? נאר איך וועל דיר זאגען דעם אמת, אז עס וואלט קומען צו דער זאך, צו איבערשטרויען די גאנצע וועלט, וואלט איך זיך אויף די אינגלעך און מיידלעך ניט פארלאזען בשום אופן ניט! איך וואלט זיך ניט פארלאזען, ניט אויף זיי, ניט אויף דיר און ניט אויף איהר!

דבורה. — אט אקוראט, די זעלביגע ווערטער פלעג איך זאגען מיין זלמן׳ען. איז אט הערט מיך די וואנט — אזוי האט ער מיך געהערט.

גיטעל. — איך דארף געהען... טומע, איהר וועט אפשר געהען צו מיר? איהר וועט א קוק טהאן מיינע קינדערלעך...

דבורה. — קום, קום! איך וועל א קיק טהאן דיינע קינדערלעך!

גיטעל. א גוטען שבת.

ר׳ משה. — א גוטען שבת, א גוטען יאהר.

חיים. — א גוטען שבת! לשנה הבא בירושלים. (גיטעל און דבורה געהען).

## זֶעקְסְטֶע סְצֶענֶע.

ר׳ משה ; חיים.

ר׳ משה. — נײַן מײַן זוהן, זאָג וואָס דו ווילסט, נאָר איך האַלט ניט פון די היַינטיגע געשעפטען. ס׳איז ניט קיין מענשען, ניט קיין פיהרער... (פּאַוזע) אָט, אַמאָליגע יאָהרען, מיט 20-30 יאָהר צוריק — אָט די יעמאָלדיגע סאָציאַליכטען — דאָס זײַנען געווען סאָציאַליסטען... דאָס זײַנען געווען ניט קיין אינגלעך — דאָס זײַנען געווען מענשען, העלדען, לײַבען!... דו ביסט נאָך דעמאָלט ניט געבאָרען געוואָרען — אָבער איך געדענק גוט יענע צײַט! (הייס) אָה! וואָס דעמאָלט האָט זיך אָבגעטהאָן!

חיים. — מעגסט מיר גלויבען, איצטער טהוט זיך אָב ניט ווייניגער. אַ ביסעלע שטילער, אָבער טיעפער.

ר׳ משה. — פרא אָדם! וואָס רעדסטו! האָט געגליכען! אַ משל! דעמאָלט! דעמאָלט... עס נעהמט דאָך אָן אַ פּחד, אַז מען דערמאָנט זיך! פאַר די דעמאָלטיגע סאָציאַליסטען האָט דאָך די וועלט געציטערט, די גאַנצע וועלט. זיי זײַנען דאָך געווען אומעטום, און קיין שד האָט זיי ניט געקענט כאַפּען, ביי זיי איז געווען מיליאָנען געלד, זיי האָבען געהאַט זייערע גענעראַלען, זייערע מיניסטאָרען, זיי האָבען געהאַט אונטער דער ערד היילען, גאַנצע היילען, צו וועלכע קיין שד האָט ניט געקענט צוקומען און דאָרטען איז ביי זיי געווען אַ בית־דין, אַ׳ן אמת׳ער סוד, ווי געהעריג, מיט זאַסעדאַניעס, מיט אַדוואָקאַטען, מיט עדות,—און איז נאָר וואו פאָרגעקומען אַיין עולה האָט מען גע׳משפט, און אָבגע׳משפט — איז פאַרפאַלען, וועט שוין קיין טאַטער ניט העלפען, האָט שוין יענער געהאַט זײַן פסק! כאָטש דער קיסער אַליין. און אַז זיי האָבען אימעצען געשיקט וואוהין עס איז, כאָטש אויפ׳ן טויט — איז מען געגאַנגען, אָהן דיבורים... דאָס פערשטעה איך, וואָס דאַרפסטו מעהר, יענע סאָציאַליסטען, אַז זיי זײַנען אַפילו געזעסען אין אָסטראָג האָט מען פאַר זיי אויך געציטערט. מען דערצעהלט, אַז דעם קיסערס ברודער האָט אַמאָל געוואָלט זעהען איינעם פון זיי, וואָס איז געזעסען אין אָסטראָג אין קייטען, איז ער געפאָהרען אין תפיסה. און אַז ער איז צוגעגאַנגען צום חדר, וואו יענער איז געזעסען, איז ער געוואָרען בלייך ווי די וואַנט, האָט היינטערן טהיר אַראָבגענומען די היטעל און איז אַרײַן

צו יענעם אויף די שפּיץ פינגער ... אָט וואָס דאָס זיינען געוועזן פאַר אַ מין מענשען! קען מען זיי גלייכען צו היינטיגע...

חיים (מיט אַ זיפץ). — מענשען זיינען זיי געוועזן גרויסע, ... איז ניטאָ וואָס צו ריידען. נאָר פונדעסטוועגען, זאָג איך דיר, היינטיגע שוסטער און שניידער זיינען שטאַרקער פאַר זיי...

ר׳ משה (גיט אַ מאַך מיט׳ן האַנד). — אַ!... מיט דיר איז ... וואָס צו ריידען... נו, איך גייה צו מנחה. (געהט ארויס, חיים ... זיצט אַ ווײַלע פאַרטראַכט, נעהמט אַרויס פון קעשענע אַ פּאַפּיר ... ענט, פאַרברענט, עס געהט אַריין גנענדל).

---

## זיבענטע סצענע.

### גנענדל. חיים:

גנענדל (מיט אַ טעלער אין האַנד). — חיימקע, וואו איז דער טאַטע?

חיים. — אין שול.

גנענדל. — אַ חורבן איז מיר. פאַרשטעהסט אַ געשעפט? איך ווייס ניט אויף וואָס פאַר אַ טעלער ביי מיר זיינען געלעגען די בלינציקעס, אויף אַ מילכיגען צו אַ פליישיגער טעלער? וואָס זאָל איך איצטער טהאָן? שדים וויסען מיך, וואו איז מיין קאָפּ! איך האָב געוואָלט ביים טאַטען אַ שאלה פרעגען.

חיים. — גיט איך וועל אייך פסקנען...

גנענדל. — גוט! גוט! רב׳עלע מיינער! יענע שטעטעל האָט אָבגעברענט, וואו דו וועסט זיין אַרב! וועסט פסקענען!... און זאָג מיר וואָס געהסטו ניט אין שול?

חיים (לאַכט) — וואָס האָב איך דאָרטען פאַרגעסען?

גנענדל. — לאַך, לאַך שעהנע פירה! וואַרט, אַז מען וועט דיר אויף יענער וועלט אָנהאַצקען... דאָרטען מיט אייזערנע ריטער — וועסטו לאַכען! (שטעלט אויפ׳ן טיש די טעלער) מיין יאָסעלע האָט אויך פיינט צו דאַווענען, קען ניט טשערפען. זיינע תפילאַנקעס זיינען שוין ביי איהם, ביי דעם משומדל, אַוודאי פאַר־שימעלט געוואָרען (לאַכט).

חיים. — ער וועט היינט קומען צו אייך?

צו יענעם אויף די שפּיץ פינגער ... אָט וואָס דאָס זיינען געווען פאַר אַ מין מענשען! קען מען זיי גלייכען צו היינטיגע...

ח י י ם (מיט אַ זיפץ). — מענשען זיינען זיי געווען גרויסע, דאָס איז ניטאָ וואָס צו ריידען. נאָר פונדעסטוועגען, זאָג איך דיר, אַז היינטיגע שוסטער און שניידער זיינען שטאַרקער פאַר זיי...

ר׳ מ ש ה (גיט אַ מאַך מיט׳ן האַנד). — אַ!... מיט דיר איז ניטאָ וואָס צו ריידען... נו, איך גיי צו מנחה. (גייט ארויס, ח י י ם שטייט אַ ווײַלע פאַרטראַכט, נעמט ארויס פון קעשענע אַ פּאַפּיר לייענט, פאַרברענט, עס גייט אַריין ג נ ע נ ד ל).

---

## זיבּענטע סצענע

ג נ ע נ ד ל, ח י י ם:

ג נ ע נ ד ל (מיט אַ טעלער אין האַנד). — ח י י מ ק ע, וואו איז דער טאַטע?

ח י י ם. — אין שול.

ג נ ע נ ד ל. — אַ חורבן איז מיר. פאַרשטעהסט אַ געשעפט? איך ווייס ניט אויף וואָס פאַר אַ טעלער ביי מיר זיינען געלעגען די בלינציקעס, אויף אַ מילכיג׳ר צו אַ פליישיגער טעלער? וואָס זאָל איך איצטער טהאָן? שדים ווייסען מיך, וואו איז מיין קאָפּ! איך האָב געוואָלט ביים טאַטען אַ שאלה פרעגען.

ח י י ם. — גיב איך וועל אייך פסקנען...

ג נ ע נ ד ל. — גוט! גוט! רב׳עלע מיינער! יענע שטעטעל האָט אָבגעברענט, וואו דו וועסט זיין אַ רב! וועסט פסקענען!... און זאָג מיר וואָס געהסטו ניט אין שול?

ח י י ם (לאַכט) — וואָס האָב איך דאָרטען פאַרגעסען?

ג נ ע נ ד ל. — לאַך, לאַך שעהנע פּירה! וואַרט, אַז מען וועט דיר אויף יענער וועלט אָנהאַצקען... דאָרטען מיט אייזערנע ריטער — וועסטו לאַכען! (שטעלט אויפ׳ן טיש די טעלער) מיין יאָסעלע האָט אויך פיינט צו דאַווענען, קען ניט טשערפען. זיינע תפילאַנקעס זיינען שוין ביי איהם, ביי דעם משומדל, אַוודאי פאַר־שימעלט געוואָרען (לאַכט).

ח י י ם. — ער וועט היינט קימען צו אייך?

## אַכְטֶע סְצֶעְנֶע.

יָאסל. גנעֶנדל. חיים.

**יָאסל** (פ־עֶהלִיך). — גוּט שבת דִיר, מאַמִינקעֶ! גוּט שבת דִיר, קרוֹינעֶלעֶ!

**גנעֶנדל** (פ־עֶהלִיך). — גוּט שבת דִיר, יָאסעֶלעֶ! גוּט שבת דִיר שקצל! אַ חַבאַרָאבּעֶ דִיר אִין קעֶפּעֶלעֶ! וואָס בִּיזטוּ אַזוֹי שפּעֶט געֶקוּמעֶן, משוּמדל?

**יָאסל**. — אִיךְ בִּין געֶוועֶן אִין שוּל, מאַמִינקעֶ, תהלים געֶזאָגט, קרוֹינעֶלעֶ.

**גנעֶנדל**. — לײַגסט ווִי אַ הִינטעֶלעֶ, יָאסעֶלעֶ. האָסט מסתמא געֶרוֹיכעֶרט וואוּ אַ פּאַפִּירָאסעֶלעֶ, גוֹיעֶלעֶ... אִיךְ האָבּ דִיר געֶלאָזעֶן פוּן וואַרמעֶס קוּגעֶל אוּן אַ שטִיק גאַנז!

**יָאסל**. — געֶזוּנד זאָלסט דוּ מִיר זײַן! אַ גוּטעֶ מערכה זאָל אִיךְ פוּן דִיר האָבּעֶן! אוּן דִי בּלִינצעֶס אוֹיךְ מִיר? (כאַפּט אַ בּלִינצעֶ אוּן עֶסט).

**גנעֶנדל**. — גנבל! גנבל! דאָס אִיז אוֹיף שלוֹש סעוּדוֹת! טרײַפעֶ בּלִינצעֶס, ווֶעסט זִיךְ דעֶרוועֶרגעֶן!

**יָאסל**. — נִיש׳קאָשעֶ! נִיט דעֶרוואָרגעֶן זִיךְ! נוּ מאַמִינקעֶ, בּרײַנג צוּשלעֶפּעֶן דִי געֶנזוֹל.

**גנעֶנדל**. — אַהעֶר? אִין זאַל? שנײַדוּרעֶצקעֶ! קראַנק בִּיסטוּ געֶהן אִין קִיךְ עֶסעֶן? וואָס ט׳זאָגעֶן ר׳ משה!

**יָאסל**. — נוּ, געֶה שטעֶל אוֹיפ׳ן טִיש, אִיךְ וועֶל בּאַלד קוּמעֶן.

**גנעֶנדל**. — סט׳בּאַלד קוּמעֶן! אִיךְ ווײס, גנב׳ל, ווִילסט דעֶרווײַל מיט דעֶר שעֶהנעֶר פירה אַ פּאַפִּירָאסעֶלעֶ אוֹיסרוֹיכעֶנעֶן, געֶשווִירעֶן דִיר אִין דִי זײַטעֶלעֶךְ! מעֶן טאָר נִיט רוֹיכעֶנעֶן אוּם שבּת.

**יָאסל** (ווײַזט אוֹיף חיים׳ן). — עֶר רוֹיכעֶרט.

**גנעֶנדל**. — וואָס קוּקסט אוֹיף אִיהם? עֶר אִיז אַ בּעַל־הבּית׳ס אַ קִינד אוּן דוּ בִּיזט אַ שנײַדוּרעֶצקעֶ! (גִיהט אַרוֹיס).

---

## נײַנְטֶע סְצֶענֶע.

יאָסל. חיים.

יאָסל (געהײַלט). — חיים! מען האָט דעם לאַנגען צוגענומען...

חיים (שפּרינגט אויף). — נו?!

יאָסל. — די טיפּאָגראַפיע איז גאַנץ! אפּנים לכתּחלה פון זײַנט וועגען זײַנען פון ווילנאָ געקומען שפּיאָנען, האָבען איהם דערקענט און אין מיטען גאַס צוגענומען...

חיים. — און מירל?

יאָסל. — זי איז גאַנץ... אָבער מען מוז שוין די קוואַרטיר אָבערײַניגען... שדים ווײַסען זײ, זײ קענען דערשמעקען פון וואַנען דער לאַנגער איז אַרויסגעקראָכען, דעמאָלט וועט אַלץ זײַן פערפאַלען...

חיים, — קום! מיר זאַלבע־נאַנד וועלען צו ביסלעך אָבערײַניגען די קוואַרטיר. ביזט זיכער, אַז מען קען אַהין געהען.

יאָסל. — דערווײַל קען מען געהען, נאָר מען דאַרף זיך היילען. די נויטיגע זאַכען האָב איך אַרויסגעכאַפּט (ער באַווײַזט אַ פּאַקעט) איך וועל דאָס אַוועקשלעפּען צו לעאָניד'ן. וואו לײגט מען דעם שריפט? ווי איז בײַ דיר, דאַכט זיך אַרום שטוב פליהען אים די רוח'ת... האָסט ניט בעמערקט?

חיים. — זײ פליהען אום שוין אַ פּאָר וואָכען... דערווײַל איז נאָך גאָר ניט געווען... דערווײַל, ביז אַנ'אַנדער קוואַרטיר, וועט מען מוזען אַהער ברענגען... (ס'געהט אַרײַן גנענדל).

---

## צֶעהנְטֶע סְצֶענֶע.

גנענדל. חיים. יאָסל.

גנענדל. — נו, אָנגערויכערט זיך, שקצל? געה עסען!

יאָסל. — איך וועל בשום אופן ניט געהן! ברײַנג אַהער מאַמינקע! און ברײַנג פון שקלעפּ אײַן אוגעריק. אָהן אַנ'אוגעריק וויל איך ניט עסען.

גנענדל. — ווי ער נהמט זיך דאָס איבער, דער שוויידורעצקע! משמדל (געהט אַרויס).

## עֶלְפְטֶע סְצֶענֶע.

חיים. יאָסל.

יאָסל. — נו, מאַך ניט קיין שיחת, געה! געה איבער די גערטנער. טהו אָן אַ קרילאַטקע... פאַרנעהם וואָס דו קענסט... געה פריהער... און זעה צו שלעפּט זיך אימעצער ניט נאָך... איך וועל אין אַ ווײַלע אַרום אַרויסגעהען. (חיים געהט אַרויס. עס געהט אַרײַן גנענדל מיט אַ טעלער).

## צְוֶועלְפְטֶע סְצֶענֶע.

גנענדל. יאָסל.

גנענדל. — נו, אָט איז דיר אַלע מאַרצעפּאַנעס, עס!

יאָסל (כאַפּט פון טעלער די גאַנז און די אונערקע, פּערוויקעלט אין פּאַפּיר). — איך נעהם מיט זיך מאַמינקע! אַ גוטען שבת! (לויפט צום טהיר).

גנענדל (נאָך איהם). — וואוהין לויפסט דו, גנב'ל?

יאָסל (הינטערן טהיר). — אין שול, צו מנחה!

גנענדל (לויפט איהם נאָך). — וואַרט! שטעה! משומדל! מען טאָר ניט טראָגען אום שבת! שטעה! יאָסעלע! איך וועל דיר געבען אַ שטיק קוגעל, געשווירען דיר אין די זײַטעלעך. (לויפט אַרויס, עס געהט אַרײַן ר' משה און גיטעל).

## דְרַייצֶעהנְטֶע סְצֶענֶע.

ר' משה. גיטעל.

ר' משה. — ... זאָלסט וויסען, מײַן טאָכטער, אײן זאַך: כל זמן עס איז ניטאָ קײן היים, דאַרף זײַן דער גלות אַ היים...

גיטעל. — נײן, טאַטע! איך וועל זאָגען ווי ברוך זאָגט: אַ היים איז ניט דאָרטען, פון וואַנען מען טרײַבט און וואו מען האָט דיך פײַנט ווי אַ שפּין. אַ היים איז דאָרטען פון וואַנען מען שטאַמט!

ר' משה. — און אַהין לאָזט מען דיך? פון דאָרטען טרײַבט מען דיך ניט? הער, מײַן טאָכטער. איך בין אַן אַלטער איד,

איך האָב אַ ביסעל מעהר פאַר דיר געזעהען אַ וועלט. מיין דעה איז אַזוי: אַז אַ בוים וואַקסט אויף אַ זאַמדיגען אָרט און מען וויל איהם איבערזעצען אויף אַ בעסערען אָרט, דאַרף מען פריהער געפינען דעם בעסערען אָרט, און ניט היילען זיך אויסרייסען דעם בוים פון דעם זאַמדיגען אָרט, אײדער מען האָט אַזאַ אָרט געפונען. פאַרשטעהסט דעם משל? ניט גוט, ניט גוט אידען אין ראַססייע, נאָר פונדעסטוועגען מען לעבט און מען האָפט אויף בעסערס..

גיטעל. — מען לעבט ניט און מען האָפט ניט. איך וועל זאָגען ווי הערצל זאָגט...

ר׳ משה. — מען לעבט און כל זמן עס איז ניטאָ קיין אַנדער אָרט, מוז מען לעבען! דער כח פון אידען איז שטענדיג געוועזען אין דעם, וואָס זיי האָבען געקענט לעבען אומעדום.. אָט, דיין ברוך האָט דיך דוכט זיך געלערענט לשון הקדש. נאַ, גיב אַ קוק (ער נעהמט פון טיש אַ ספר עפענט און געפינט אַ בלאַט) זעה! לייען. ויחי יעקב בארץ מצרים... וואָס איז דער טייטש דערפון.

גיטעל. — דער טייטש: ויחי האָט געלעבט יעקב אין מצרים.

ר׳ משה. — פערשטעהסט דעם פשט? האָט געלעבט יעקב אין מצרים. אין מצרים — און געלעבט! היינט אין ראַססייע דאַרף מען אודאי קענען לעבען. (עס געהט אריין חיים מיט אַ פאַקעט אונטערן פאָלז).

---

## פיערצעהנטע סצענע.

חיים. משה. גיטעל.

ר׳ משה. — אָ! אָט איז חיים! חיים, ווי איז דער טייטש פון ויחי יעקב בארץ מצרים? אַנו, זאָג!

חיים. — ויחי יעקב בארץ מצרים — איז יעקב אויסגעריסען געוואָרען אין מצרים!

גיטעל. — חאַ! חאַ! חאַ! גוט! געזונד זאָלסטו זיין, חיימ׳קע! האָסט קיין מאָל אַזאַ שכל ניט געזאָגט! (עס לויפט אריין גנענדל ערשראָקען).

גנענדל. — גוואַלד! יונים! זשאַנדאַרען! איך וועל

ניט אויסהאַלטען! (עס געהט אַריין דער זשאַנדאַרמסקער מיט צוויי זשאַנדאַרמען).

---

## פּופּצעהנטע סצענע.

### די זשאַנדאַרען און די פּאַריגע.

Жандармскій.—Кто здѣсь Хаимъ Мовшевичъ Гольцманъ. Вы ?

Хаимъ —Я.

Жанд.—По предписанію охраннаго отдѣленія я васъ арестую !

Хаимъ.—По какому поводу?

Жанд —Это вамъ потомъ скажутъ. Гдѣ ваша комната ?

Хаимъ.—Вотъ слѣдующая. *)

ר׳ משה. — רבונו של עולם! וואָס איז דאָס? חיים? דו? ביי דיר?

גיטעל. — איך האָב געזאָגט!!

חיים. — טאַטע זייט רוהיג, זייט רוהיג. **)

Жанд.—Прошу васъ не разговаривать по-еврейски.

Хаимъ.—Я его успокаиваю.

Жанд —Можете успокаивать по-русски.

Хаимъ.—Папаша, будьте спокойны, прошу васъ.

(צו גנענדל) זאָגט אָן אייער בחור, אַז מען זוכט ביי מיר..

---

*) דער זשאַנדאַרמסקער. — ווער איז דאָ חיים מאָווּשעוו האָלצמאַן? איהר?

חיים. — איך.

דער זשאַנדאַרמסקער. — לויט דער פאָרשריפט פון אָכראַנער אָטדעלעניע אַרעסטיר איך אייך.

חיים. — אין וואָס בעשטעהט מיין חטא?

דער זשאַנדאַרמסקער. — דאָס וועט מען אייך נאָכדעם זאָגען. וואו איז אייער צימער?

חיים. — אָט דער דערביאיגער.

**) דער זשאַנדאַרמסקער. — איך בעט אייך ניט צו רעדען אויף אידיש.

**Жанд** —Опять ?!*)

**Хаимъ.**—Да я кухарку отсылаю. Она не понимаетъ по-русски. (Кладетъ незамѣтно на столъ пакетъ со шрифтомъ). Если желаете искать—пойдите въ мою комнату и не тревожьте отца...

**1-ый жанд.**—Ваше благородіе! Пакетъ! Только что арестованный положилъ на столъ!

**Жанд** —Это что такое?

**Хаимъ**. (Глядя ему прямо въ глаза).—Смотрите—и увидите .

**Жанд** (Быстро разворачиваетъ).—Шрифтъ?! А-а Такъ у васъ здѣсь типографія?

**Хаимъ.**—Ищите!

---

חיים. -- איך בערוהיג איהם.

דער זשאנדארמסקער. — איהר קענט בערוהיגען אויף רוסיש.

חיים (אויף רוסיש). — פאטער, זייט רוהיג, איך בעט איך.

*) דער זשאנדארמסקער. — ווייטער?

חיים. — איך שיק אוועק די קעכין, זי פערשטעהט ניט אויף רוסיש. (לייגט אוועק אונבעמערקט א פאקעט מיט שריפט אויף'ן טיש). אויב איהר ווילט זוכען, קומט צו מיר אין צימער און לאזט צו רוה דעם פאטער.

1-טער זשאנדארם. — וואשע בלאגאראדיע! א פאקעט! אט נאר וואס דער ארעסטירטער האט אוועקגעלייגט אויף'ן טיש.

דער זשאנדארמסקער. — וואס איז דאס?

חיים (קוקט איהם גלייך אין פנים אריין). — קוקט — וועט איהר זעהען.

דער זשאנדארמסקער (וויקעלט האסטיג פאנאנדער). — שריפט?! א-א! אפנים דא איז ביי אייך די טיפאגראפיע.

חיים. — זוכט!

Жанд. —Поищемъ. Пожалуйте! (Уходитъ въ другую комнату вмѣстѣ съ однимъ жандармомъ. Другому). Впускать всѣхъ—никого не выпускать*)

---

## זעכצעהנטע סצענע.

די פּאַרינגע: יאָסל.

ר׳ משה (שטעהט עטליכע סעקונדען ווי צוזולט, מיט אַ האַלב אָפּענעם מויל און קוקט אויף׳ן צימער, וואוהין מען האָט אַבגעפירט חיים׳ען. גיטעל קוקט אין די פענסטער. גנענדל נעהט שטיל אויף די שפּיץ פינגער צו ר׳ משה׳ן).

גנענדל. — ר׳ משה... ר׳ משה...

ר׳ משה. — האַ? וואָס?

גנענדל. — איהר ווייסט וואָס מען דאַרף זאָגען?

ר׳ משה. — האַ? ווען? וואָס?

גנענדל. — מען דאַרף זאָגען, אַז ער איז אַ מאַסאָווער... זאָגט עס דעם פּאָריץ! איהר הערט? אַ מאַסאָווער.

ר׳ משה. — וואָס מאַסאָווער? ווען מאַסאָווער! וואָס ווילסטו?

גנענדל. — זאָגט דעם פּאָריץ, אַז חיים איז אַ מאַסאָווער — וועט מען איהם אַרויסלאָזען... איך ווייס...

גיטעל (מיט כעס). — לאָז צורוה! גנענדל, גנענדל ... (עס נעהמט אַריין יאָסל, קוקט זיך אַרום).

גנענדל. — יאָסעלע... מען זוכט!...

יאָסל. — אַ-אַ... (ער וויל נעהן צוריק. דער זשאַנדאַרם פערשטעלט איהם די וועג. יאָסל וואַרפט זיך דער מוטער אויף׳ן האַלדז מיט געוויין). מאַמינקע איך האָב מורא (ער באַהאַלט געשווינד איהר אונטער׳ן פאַרטוך אַ פּאַקעט, שטיל). האַלט! באַהאַלט! שווייג!

---

דער זשאַנדאַרמסקער. — מיר וועלען אַ זוך טהאָן. (ייט מוחל! (געהט אַוועק אין צווייטען צימער מיט איין זשאַנדאַרם; ווענדענדיג זיך צום צווייטען זשאַנדאַרם) אַריינלאָזען — ווער עס וועט נאָר קומען, אַרויסלאָזען קיינעם ניט.

גנענדל. — אַ חוואַראָבע דיר אין קעפּעל! (האַלט צו אונבעמערקט דעם פּאַקעט. עס נעהט אַריין דער זשאַנדאַרמסקער).

---

## זיבּענצעהנטע סצענע.

דער זשאַנדאַרמסקער. די פריהעריגע.

**Жанд.** (Моисею).—Вы Мовша Гольцманъ?*)

**Моисей.**—Я...

**Жанд.**—А эти кто такіе?

**Гитль.**—Я его дочь. Жена Боруха Крейнина. Можетъ быть, слышали.

**Жанд.**—А эти кто?

**Гитль.**—Кухарка и ея сынъ.

**Жанд** (Глядитъ пристально на Іоселя).—Тебя я, кажется, видѣлъ.)

יאָסל. — וואָס דברט ער? איך פערשטעה ניט!

**Гитль.**—Онъ не понимаетъ по русски. (**

**Жанд.**—Не понимаетъ? Не слишкомъ ли много понимаетъ! (Жандарму) Обыскать его! (Жандармъ обыскиваетъ, вытаскиваетъ изъ кармана пакетъ).

---

*) דער זשאַנדאַרמסקער (צו משה'ן). — איהר זייט משה האָלצמאַן?

ר' משה. — איך...

דער זשאַנדאַרמסקער. — און ווער זיינען די?

גיטעל. — איך בין זיינע אַטאָכטער. ברוך קריינין'ס ווייב... איהר האָט אפשר געהערט פון איהם?

דער זשאַנדאַרמסקער. — און ווער זיינען די?

גיטעל. — די קעכין און איהר זוהן.

דער זשאַנדאַרמסקער (קוקט זיך שטאַרק צו צו יאָסעל'ן) — דיך האָב איך דאַכט זיך געזעהען.

**) גיטעל. — ער פערשטעהט ניט אויף רוסיש.

דער זשאַנדאַרמסקער. — ער פערשטעהט ניט? צו פערשטעהט ער אַקאָרשט ניט צופיעל? (צום זשאַנדאַרם) אַרומזוכען איהם! (דער זשאַנדאַרם זוכט אַרום און שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ פּאַקעט).

1-ый жанд.—Вотъ, вашескородіе.(*

Жанд. (Разворачиваетъ).—Что такое? Гусь? Огурецъ? Дуракъ! (Бросаетъ). Отведи его въ другую комнату и не отпускай! (Жанд. уводитъ Іоселя; къ Гитлъ и Гнендлъ). Можете идти. (Уходятъ.

גנענדל (שטעהט ביי'ם טהיר און רעדט צו משה'ן). — איהר הערט? טענה'ט איין זאך — א מאסאָווער...

---

## אַכְצֶעהנְטֶע סְצֶענֶע.

משה און דער זשאַנדאַרמסקער.

Жанд.—В-вотъ оно ваше еврейское воспитаніе. Р-радуйтесь! Доигрались! Вы видите, что мы нашли у вашего сына? Вы знаете, что это такое? Это шрифтъ! Шрифтъ чѣмъ печатаютъ прокламаціи и всякія преступныя книжки. Противъ Государя Императора! Понимаете, противъ Государя Императора! Да! Вы знаете, старикъ, чѣмъ это пахнет? Знаете? Э-т-о пах-нетъ ка-тор-гой! ка-т р-гой!*)

---

*) דער זשאַנדאַרם. — אָט, וואַשע וויסאָקאָראָדיע.

דער זשאַנדאַרמסקער (וויקעלט פאנאנדער). — וואָס איז דאָס? גאַנז, אַ אוגעריק? שוטה! (נימט א וואָרף). (צום זשאַנדאַרם) פיהר איהם אָב אין צווייטען חדר און לאָז איהם ניט אָב. (דער זשאַנדאַרם פיהרט אוועק יאָסלען). (צו גיטלען און גנענדלען) איהר קענט געהן.

*) דער זשאַנדאַרמסקער, — אָט איז אייער אידישע הדרכה! איהר קענט זיך פרייהען. איהר האָט געזעהען, וואָס מיר האָבען געפונען ביי אייער זוהן? איהר ווייסט וואָס דאָס איז? דאָס איז שריפט! שריפט, מיט וועלכע מען דרוקט די פראָקלאַמאַציעס און פערשידענע פערבאָטענע ביכלעך. געגען דעם קיסר אַליין! איהר פער-שטעהט? געגען קיסר! איהר ווייסט, זיידע, מיט וואָס דאָס שמעקט? איהר ווייסט? ד-אָ-ס שמעקט מיט קאַ-טאָר-גע! מיט קאַ-טאָר-גע!

**Мойше.**—Паночекъ!.. Ваше благородіе!... Пожалѣйте онъ не виноватъ!...*)

**Жанд.**—Не виноватъ? Еслибъ онъ не былъ виноватъ, онъ бы иначе разговаривалъ... Я думалъ, что у васъ въ домѣ типографія—ее здѣсь нѣтъ.

**Мойше.**—Нѣтъ, паночекъ, нѣтъ...

**Жанд.**—Нѣтъ! А гдѣ она? Мы годъ цѣлый ее ищемъ! Гдѣ она? Вашъ сынъ знаетъ! Онъ оттуда шрифтъ принесъ. Знаетъ—и не говоритъ! Да-съ. А вы говорите—не виноватъ (Ходитъ по комнатѣ). Слушайте. Хотите спасти вашего сына?

**Мойше.**—Пожалѣйте, паночекъ.

**Жанд.**—Заставьте его указать, гдѣ типографія, у кого онъ взялъ шрифтъ! Вы отецъ, вы обязаны это сдѣлать. Обязаны передъ Государемъ Императоромъ! Понимаете?

---

*) ר׳ משה. — פּריצל! וואַשע בלאַגאָראָדיע! האָט רח[illegible], ער איז ניט שולדיג!...

דער זשאַנדאַרמסקער. — ניט שולדיג? ווען ער וואָלט ניט געוועזען שולדיג, וואָלט ער אַנדערש גערעדט... איך האָב געמיינט דאָס ביי אייך אין שטוב איז די טיפּאָגראַפיע — נאָר זי איז דאָ ניטאָ.

ר׳ משה. — ניטאָ, פּריציל, ניטאָ.

דער זשאַנדאַרמסקער — ניטאָ! וואו איז זי? שוין אַ יאָהר צייט, אַז מיר זוכען זי. וואו איז זי? אייער זוהן ווייס, ער האָט פון דאָרטען געבראַכט די שריפט. ער ווייס און וויל ניט אויסזאָגען. אָט אַזוי! און איהר זאָגט נאָך — ער איז ניט שולדיג! (געהט אום [illegible] ע הערט, איהר ווילט ראַטעווען אייער זוהן?

ר׳ משה. — האָט רחמנות, פּריציל.

דער זשאַנדאַרמסקער, — מאַכט ער זאָל בעווייזען וואו איז די טיפּאָגראַפיע, ביי וועמען האָט ער גענומען די שריפט. איהר זייט זיין פאָטער, איהר זייט דאָס מחויב צו טהאָן. דאָס איז אייער חוב נעגען דעם קיסר. איהר פערשטעהט?

**Мейше.**—Понимаю (вздыхаетъ)

**Жанд.** (Мягче).- Садитесь. Слушайте... Вы не смотрите на насъ, какъ на разбойниковъ. Мы не разбойники. У меня тоже есть сердце. Думаете, мнѣ васъ не жаль. Мнѣ васъ отъ души жаль... У меня тоже есть дѣти...

**Мойше.**—Пожалѣйте..

**Жанд.**—Я... я всей душой готовъ пожалѣть васъ помочь вамъ. Вашъ сынъ до сихъ поръ ни разу ни въ чемъ не былъ замѣченъ. Въ комнатѣ мы у него ничего не нашли. Только этотъ шрифтъ, который онъ только что принесъ. Понимаете. Еслибъ не шрифтъ—противъ него ничего нѣтъ! Пусть онъ укажетъ, у кого взялъ—и вотъ вамъ, старикъ, мое честное, благородное слово—я его сейчасъ отпускаю. Мнѣ самому отъ души его жаль. Зачѣмъ ему пропадать за чужіе грѣхи! Понимаете?*)

---

*) ר׳ משה. — איך פערשטעה. (ער זיפצט).

דער זשאנדארמסקער (ווייכער). — זעצט זיך. איהר קוקט ניט אויף אונז, ווי אויף גזלנים. מיר זיינען ניט קיין גזלנים. איך האב אויך אַ הארץ. איהר מיינט, עס איז מיר ניט קיין רחמנות אויף אייך? עס רייסט מיר אוים די האַרץ אויף אייך!... איך בין אויך אַ טאַטע פון קינדער.

ר׳ משה. — האָט רחמנות.

דער זשאַנדאַרמסקער. — איך... איך בין בערייט צו לייגען אויף אַייך דעם גרעסטען מיטלייד, העלפען אַייך. אַייער זוהן איז ביז איצט אַן קיין זאַך קיין מאָל ניט געווען פערמישט. אין צימער האָבען מיר ביי איהם גאָרניסט געפונען. נאָר די שריפט, וועלכע ער האָט אָט ערשט געבראַכט. איהר פערשטעהט, ווען ניט די שריפט, איז געגען איהם קיין זאַך ניטאָ. זאָל ער נאָר זאָגען, וואו ער האָט גענומען די שריפט – און איך גיב אַייך, זיידע, מיין עהרענוואָרט — איך לאָז איהם באַלד אָב. עס רייסט מיר אַליין אוים אויף איהם אַ שטיק האַרץ. פאַר וואָס זאָל ער פערפאַלען ווערען פאַר פרעמדע חטאים? איהר פערשטעהט?

**Мойше.** (Убито) Понимаю.

**Жанд.**—Такъ вотъ, поговорите вы съ нимъ. Какъ отецъ поговорите! Убѣдите его не губить себя и васъ. Если вы его убѣдите чистосердечно признаться, — помните мое обѣщаніе--я его сейчасъ освобождаю. Иначе--- не миновать ему каторги и мо-жетъ бы-ть чего ни-будь по-хуже! Д-да-съ, Ну! Я на васъ разсчитываю. Я васъ оставлю однихъ! (Въ дверяхъ Хаиму) Пожалуйте сюда! (Хаимъ входитъ). Вотъ, вашъ отецъ, убитый горемъ сѣдой старикъ, желаетъ съ вами поговорить. Послушайте его. Я васъ оставляю. (Жандарму въ дверяхъ) Смотрѣть! (Уходитъ въ комнату Хаима).*)

---

## נײַנְצֶעהנְטֶע סְצֶענֶע.

חיים. ר׳ משה.

ר׳ משה (זיצט עטליכע מינוט מיט אײַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ, הויבט אויף די קאָפּ און קוקט אויף חיים׳ן). אַ? חיים?.. אָט דאָס איז מיר דײַן מתנה אויף מײַנע עלטערע יאָהרען? (װײַנט) גוט

---

*) ר׳ משה (מיט אַ צובראָכענער שטימע) - איך פערשטעה.

דער זשאַנדאַרמסקער. — טאָ רעדט זיך מיט איהם דורך, װי אַ טאַטע רעדט מיט איהם. גיט איהם צו פערשטעהען, ער זאָל ניט פאַטער׳ן ניט זיך, ניט אײַך, װען איהר װעט איהם איבערריידען, ער זאָל זיך מודה זײַן — געדײַנקט מײַן הבטחה — איך בעפרײַ איהם תיכף ומיד; װען ניט — װעט ער זיך מוזען בעקענען מיט קאַטאָרגע, און אפשר נאָך אַ׳ן ערגערע זאַך! יע! נו, איך פערלאָז זיך אויף אײַך! איך לאָז אײַך דאָ ביידע אַלײן. (אין טהיר צו חיים׳ען) זײַט אַזוי גוט אַהער! (חיים קומט אַרײַן) אָט, אײַער פאָטער, אַ שװער מענש, דערשלאָגען פון הארצװײטאָג, װיל מיט אײַך זיך דורכריידען. הערט זיך נאָר צו צו זײַנע רייד. איך לאָז אײַך דאָ איבער. (צום זשאַנדאַרם אין טהיר) גוט אַכטונג געבען! (ער געהט אַװעק צו חיים׳ן אין צימער).

וואָס.. די מאַמע האָט ניט... דערלעבט... דערצו... (פּאַוזע. קומט צו זיך) וואָס וועט דיר דערפאַר זיין? זאָג דעם אמת...

חיים. — מען קען ניט וויסען.

ר׳ משה. — קאַטאָרזשנע ראַבאָטעם?

חיים. — בשום אופן ניט... דאָס האָט ער דיך אָנגעשראָקען...

ר׳ משה. — וואָס דען? (ער קוקט אויף איהם).

חיים. — עטליכע חדשים אָסטראָג ... און נאָכדעם אפשר... אויף אַ פּאָר יאָהר אַרויסשיקען.

ר׳ משה. — השר... ער האָט מיר געהייסען מיט דיר דיירען... ער זאָגט, אַז ער וועט דיך אַרויסלאָזען פריי, אַז דו וועסט... אַז דו וועסט זאָגען, ביי וועמען דו האָסט גענומען די אותיות.. (אַ מינוטען זיפץ).

---

חיים. — ער האָט דאָס מיר אויך געזאָגט...

ר׳ משה. — נו? (אַ זיפץ).

חיים. — טאַטע...

ר׳ משה. — וואָס?

חיים. — דו פאַרשטעהסט וואָס ער וויל? (פּאַוזע) ער וויל איך זאָל ווערען אַ מוסר... דו... דו... ווילסט האָבען אַ זוהן אַ מוסר? (לאַנגע פּאַוזע)

ר׳ משה (זיצט מיט אַ׳ן אַראָבגעלאָזענער קאָפּ. הויבט זיך אויף, מאַכט אַ פּאָר טריט ווי אַ שיכ׳ער, גיט אַ קוק אויף חיים׳ן)... (הילכיג) חיים.. מיין זוהן... אין אונזער משפחה זיינען קיין מאָל ניט געווען... קיין מוסרים... און (שטיף) וועלען ניט זיין!!

פאָרהאַנג.

---

| | קאָפּ | סענט | פּעני | פּפעניג | סאַנטים |
|---|---|---|---|---|---|
| 2) א. ה. די סאָציאַליסטישע פּראַקציעס אין ציוניזמוס··· | 12 | 10 | 6 | 48 | 60 |
| 2) פּאָל לאַפּאַרג. ערינערונגען וועגען קאַרל מאַרקס·· | 6 | 5 | 3 | 24 | 30 |
| 25) דיקשטיין. פון וואָס איינער לעבט·········· | 6 | 5 | 3 | 4 | 30 |
| 26) מ. טערמאַן. רעליגיאָן און קלאַסען-געגענזאַטצען····· | 15 | 12 | 7½ | 60 | 75 |
| 27) ק. קאוטסקי. אויף מאָרגען נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. | 20 | 15 | 10 | 80 | 1— |
| 28) ב. האָפּמאַנן. פרויען=האַנדעל און פּראָסטיטוציע·· | 7 | 6 | 3½ | 28 | 35 |
| 29) ק. קאוטסקי. קלאַסען אינטערעסען·········· | 7 | 6 | 3½ | 28 | 35 |
| 30) י. פּראַנקאָ. דער ביורושעט ביי די חיות········ | 2 | 2 | 1 | 8 | 10 |
| 31) א. טהון. די געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין רוסלאַנד. אין 2 טיילען, יעדע טייל | 30 | 20 | 15 | 120 | 150 |
| 32) ד. פּינסקי. אין משוגעים הויז (מאָנאָלאָג). | 3 | 3 | 1½ | 12 | 15 |
| 33) ק. צעטקין. די פרוי און איהר עקאָנאָמישע לאַגע | 10 | 8 | 5 | 40 | 50 |
| 34) פּ. ראָל. די ראָליע פון לומפּען-פּראָלעטאַריאַט אין די רעוואָלוציעס········ | 3 | 3 | 1½ | 12 | 15 |
| 35) א. מאַקסימאָוו. / ז. קאַצענשטיין. } וועגען אַנאַרכיזם (2 ארטיקלען) | 9 | 7 | 4 | 36 | 45 |
| 36) ה. קונאָוו. די גרונד=געדאַנקען פון אַנאַרכיזם····· | 5 | 5 | 2 | 20 | 25 |
| 37) לנו. די שכירות·········· | 15 | 12 | 7½ | 60 | 75 |
| 38) די פרייע האַרפע. א זאַמעלבוך פון ליעדער··· | 25 | 20 | 12½ | 100 | 1-5 |
| 39) א. נעמאַנסקי. די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען און זייערע אויפגאַבען. | 15 | 12 | 7½ | 60 | 75 |
| 40) יושקעוויטש. דער הונגער. איבערזעצט פון אַלגין. | 25 | 20 | 12½ | 100 | 125 |
| 41) באָגאָליעפּאָוו. מלחמות און פינאַנסען. איבערזעצט פון רוסיש············ | 8 | 8 | 4 | 32 | 40 |
| 42) *** פייער סיבעפרייאינג········ | 10 | 8 | 5 | 40 | 50 |
| 43) מאַקסים גאָרקי. דריי נייע סקיצען········ | 5 | 5 | 2½ | 20 | 25 |
| 44) גערמאַנוס אוינסט ביבעל············ | 5 | 5 | 2½ | 20 | 25 |
| 45) הויפּטמאַן. די וועבער··············· | 15 | 15 | 7½ | 60 | 75 |
| 46) ד. סיעדאַי. די אַרבייטער בעוועגונג אין ענגלאַנד | 30 | 30 | 15 | 120 | 150 |
| 47) *** צו דער פעראייניגונגס פראַגע········ | 15 | 15 | 7½ | 60 | 75 |

Hebr. Eg. 814

№ 50

| | קאפ | סענטס | פעני | פפעניג | סאנטים |
|---|---|---|---|---|---|
| 48) גֶעד אין לַאפַארג. דעֶר עיקר פון סאָציאַליזם. | 6 | 6 | 3 | 24 | 75 |
| 49) וו. מעֶרֶעם. די נאַציאָנאַלע פראַגע און סאָציאַל-דעֶמאָקראַטיע ........................ | 12 | 2 | 6 | 48 | 60 |
| 50) ס. אנסקי. דעֶר פאָטער און דעֶר זוהן ........ | 5 | 5 | 2½ | 20 | 25 |
| 51) ראַפּעֶס. די אונבעֶרהרבאַרקייט פון פּערזאָן א. ז. וו. | 10 | 10 | 5 | 40 | 50 |
| 52) ג. גאַרין. דאָס ביכל פון גליק ........... | 2 | 2 | 1 | 8 | 10 |

די אלע דערמאהנטע ביכער זיינען מיט נקודות.

13857

## בעשטעלונגס-בעדינגונגען:

ביי בעֶשטעֶלונגעֶן דירעֶקט פון פעֶרלאַג „די וועֶלט“, נישט וועֶניגעֶר ווי פאַר 2 רובל צאָהלט מעֶן נישט פאַר פּאָרטאָ.

בוכהעֶנדלעֶר, וואָס שרייבעֶן אוים דירעֶקט פון פעֶרלאַג „די וועֶלט“, נישט וועֶניגעֶר ווי פאַר 5 רובל, בעֶקומעֶן 20% ראַבאַט און פּאָרטאָ פריי. ביי בעֶשטעֶלונגעֶן נישט וועֶניגעֶר ווי פאַר 25 רובל, בעֶקומעֶן זיי 25% ראַבאַט, און פראַכט פעֶר באַהן פריי

די בעֶשטעֶלונגעֶן ווערעֶן אויסגעֶפיהרט נור פיר קאַססאַ, אויך פעֶר נאַכנאַהמעֶ ביי האַנדעלר.

די אדרעסע פון פערלאג „די וועלט“:

Книгоиздательство „ДИ ВЕЛТЪ“, Вильна.

Verlag „DIE WELT“, Wilna. (Russland)